# פאנזי זאגט ער האט געליטען פאר אנאנדערע'ס זינד

באסטאן, אויגוסט, 1.

דער פיעל באריהמטער טשארלי פאנזי, וועלכער האט אויפגערודערט די וועלט מיט זיינע שפעקולאציעס און געצאהלט הונדערט פראצענטיגען אינטערעס און געמאכט שווערע מיליאנען אין א גאנץ קורצער צייט, האלט שוין איצט ביים פארשוואונדען ווערען פון סצענע. זיינע באנק געשעפטען זענען שוין פארמאכט און מען קאן איהם שוין אלס א שווינדלער וואס איז געזעסען יאהרען אין געפענגניש פאר פעלשען אונטערשריפטען.

פאנזי זאגט אבער אז ער איז ערליך. ער האט זיך נעכטען מודה געווען אז ער איז דאס טאקע דער יעניגער וואס איז אפגעזעסען עטליכע יאהר אין תפיסה אבער זאגט פאנזי, ער איז געווען אומשולדיג. ער האט אויף זיך גענומען די שולד פון אנאנדערען און איז פאר אנאנדערען.

וואס אנבאלאנגט זיינע געשעפטען זאגט פאנזי, אז ער קאן אויס[...] יעדען סענט וואס ער איז שולדיג.

אזוי שנעל ווי ער האט זיך געווען אין זיין שווינדעל האבען די רעקטארען פון דער האנאווער קאמפאניע איהם געצוואונגען צו [...] רען פון דעם דירעקטאריום פון דער פאניע וואו פאנזי איז א שותף.

דערווייל איז שוין [...] באנק [...] שלאסען. דעפאזיטארען פון דער [...] טער טראסט קאמפאניע און [...] זי'ס באנק געשעפטען האבען [...] לאנגערט די באנק הייזער [...] פאדער[...] צוריק זייער אריינגעלייגטע עטליכע [...]

# אידישע סטודענטען וואס האבען אויסגעהאלטען מעטריקולעישען עקזאמענס

פאלגענדע אידישע סטודענטען זע[...]

פיהרט קרוד [...] ציקלאפט [...] געווע[...] ניט ווייט פון ראנען און די איל[...] וואסען געווארען אין ים. די קא[...] פון וועלכער מר. ראקאפעלער [...] סאמע בעל הבית, האט קיין [...]

# פארלאנגט א שדכן, זיך מעלדען צו דער ענגלישער קעניגין

— פארלאנגט א שדכן, זיך מעלדען צו דער ענגלישער קעניגין — ניט איין מנחם מענדעל וואלט זיך אנגעכאפט און געטראכט אז מ'קען דא אויספיהרען א פאסיגען שדוך און פארדינען א היבשן ביסעל שהכנות געלד. אזא אנאנסע איז אבער דערווייל נאך ניט ערשינען אין קיין צייטונג.

אויב אבער די צייטונגען דרוקען ניט בוכשטעבליך אזא אנאנסע, קען מען אבער אין דער ענגלישער פרעסע געפינען אפטע אנצוהערענישען אז דער ענגלישער פרינץ מוז חתונה האבען וואס גיכער. ספעציעל זיינען אין דעם פאראינטערעסירט די וואס ציטערן פאר'ן ענגלישען טראהן. זיי רעדען אפען דער פון אז דער ענגלישער פרינץ מוז חתונה האבען.

איז וואס טוט א בחור ווען ער וויל און דארף חתונה האבען, ער געפינט א מיידעל, מ'שטעלט א חופה און מ'איז מאן און ווייב. דאס איז אבער אלץ גערעדט וועגען א בחור א פשוט'ן בשר ודם. גאנץ אנדערש איז עס מיט א בחור א פרינץ.

דער פרינץ אליין האט אפילו א דעה ווער ס'זאל זיין זיין ווייב, אבער אויסער איהם האבען נאך א דעה זיינע מאטע מאמע און די רעגיערונג אויך. אויך מוז מען זיך רעכענען מיט דער שטימונג פון די העכערע קרייזען. דאס אלעס צוזאמענגענומען ברענגט פיעל שוועריגקייטען פאר דעם פרינץ צו געפינען זיין באשערטע.

זעהר א גרויסער טייל פון דער ענגלישער אריסטאקראטיע איז דערפאר אז דער ענגלישער פרינץ זאל ניט חתונה האבען פון דער פרעמד, מיט עפעס א קעניגליכער טאכטער, עס זיינען דא אין [...]

איך וועל בעסער זיין א קאו — באי אויף א פרעמדען רענטש — — — — און זאל בארבער קריגען אלע דיינע בהמות.

וועב'ס פערד איז געשטאנען אנגעבונדען ביים פערד — געשטעל אין [...]

# „הארץ און צלם"

(נאך אן ערצעהלונג פון א. העברי)

איבערזעצט אין אידיש פון מ. מלמד

ב.

דער צווייטער טאג איז באגריסט געווארען פון א הערליכען פריהמארגען, מיט א פרישען פערלדיגען טוי און מיט גאלדענע זונען-שטראהלען וואס האבען באגאסען די פעלדער און די בערג פון דעם נאפאליטא רענטש און זיך אפגעשפיגעלט אין די בלאנקענדע שויבען פון דער נאפאליטא רענטש — הויז וואו די הויכע שלאנקע סאנטא, די „קווין" פון רענטש, די פרוי פון וועב יעגער, איז ארומגעגאנגען איפ'ן באלקאן אין איהר זיידענעם מארגען — ראק און באשפריצט די הייציגען — בלומען וואס זענען געוואקסען אין ערדענע בלומען-טעפ אין די ווינקלען פון דעם גאניק.

סאנטא האט איבערגענומען פון איהר פאטער זיינע שטרייכגע, כאראקטעריסטישע שטריכען, וואס האבען זיך בולט אויסגעדריקט אין איהרע גרויע אויגען. אין די האזיגע אויגען האט זיך אפגעשפיגעלט אויסערגעוועהנליכע ענערגיע, כח און א גלויבען אין די אייגענע כוחות. אין דער זעלבער צייט איז זי געווען שעהן און צארט, מיט א יונג ווייבליכען רייז אין איהרע גלידער.

זי האט געמיטליך באגאסען די בלומען און זיך צוגעהערט מיט א האלבען אויער צו די באפעהלען וואס איהר מאן, וועב יעגער, וועלכער איז געשטאנען [...]

בליק אין העלבען עס איז געווען א מין שטומע ענטשולדיגונג פאר ניט פאלגען.

פונדעסטוועגען האט ער נאך געמאכט א לעצטען פארזוך און מיט א באזונדער שטרייטיגקייט אין קול האט ער זיך געווענדעט צום אויפזעהער:

— דו טו ווי איך הייס ידיד, פיהר אוועק די בהמות צו — — —

— צו בארבער'ן — — — האט כאנטא פארכאפט און שארף געענטפערט אנשטאט איהר מאן, און דאן האט זי צוגעלעגט:

— און גענוג מיט דעם. האסט נאך עפעס צו פרעגען, בא די? אויף וואס ווארטסטו?

באר האט זיך ווידער פארבויגען. נאר איידער ער איז אוועק האט ער נאך צוגעווארפען א לעצטען, מיטלײדענדען בליק צו וועב יעגער.

נאך איידער ער איז פארשוואונדען, האט וועב מיט א ביטערקייט אין קול, זיך א ווענד געטאן צו זיין ווייב:

— אזוי, אזוי! . . . . דו פאלגסט נאר דעם באלעבאס! . . . . און ער האט ארונטערגענומען דעם הוט פון קאפ און זיך פארבויגען ביז דער ערד פאר זיין ווייב.

— וועב — האט סאנטא געזאגט צו איהם מיט א לייכטען פארוואורף — דו באגעהסט זיך היינט זעהר נאריש.

[...]

# איינע פון דווארקינ'ס ספעציעלע וואגאנעז



דיזע בילד איז גענומען אויף'ן ווינער וואקזאל אין ווארשע פון א גרופע פון „דווארקינס"-פאסאזשירען (97 אין צאהל) אין איינעם פון „דווארקינ'ס וואגאנען, וועלכע געפיהרט טויזענטער פרויען און קינדער דירעקט צום שיף אין ראטטערדאם, אנטווערפען און דאנציג.

די גרופע פיין באהן באשטעהט פון „דווארקינ'ס" „ווארשעווער" סטעף מיט דווארקינ'ען אין מיטען און פארשטעהער פון דעם „מאמענט" אין ווארשא.

יעדע פרוי אדער מאן, וועלכע האבען געהאט די עהרע און דעם גליק צו זיין „דווארקינ'ס" א פאסאזשיר, איז געווען איינע פון די גליקליכסטע. דאס קענען באשטעטיגען הונדערטע פרויען און קינדער וועלכע זיינען יעצט אין טאראנטא.